בעזהשי"ת

קונטרס

# שפתי קודש

## מטות - מסעי

פה קרית טאהש יצ"ו

ע"י וועד להוצאת דא"ח מאת רביה"ק זי"ע

להשיג הקונטרס או לנדב יש לפנות אל:

**הר"ר נתנאל מאיר הערשקאוויטש שליט"א**

**514-518-6853**

**או אל בנו**

**ר' אליעזר צבי הערשקאוויטש ני"ו**

**438-920-4312**

# תורה א

- א -

**וידבר משה אל ראשי המטות לבני ישראל לאמר זה הדבר אשר צוה ה'.**

זאגט רש"י הק', חלק כבוד לנשיאים ללמדם תחלה ואחר כך לכל בני ישראל, ומנין שאף שאר הדברות כן, תלמוד לומר וישובו אליו אהרן וכל הנשיאים בעדה וידבר משה אליהם, ואחרי כן נגשו כל בני ישראל. זעהט מען אז די גאנצע תורה האט משה רבינו אזוי געלערנט, קודם פאר די נשיאים און נאכדעם פאר גאנץ כלל ישראל.

**שטעלן** זיך די מפרשים, אויב משה רבינו האט גערעדט צו די נשיאים, האבן זיי דאך געקענט דאס איבערגעבן פאר כלל ישראל, פארוואס האט ער אליין געדארפט רעדן עקסטער צו די יודן. און אויב ער האט אליין גערעדט צו די יודן, פארוואס האט ער געדארפט קודם רעדן עקסטער צו די נשיאים.

**זאגן** די ספרים הק', משה רבינו האט אראפגעברענגט די תורה פאר יודן, נישט ווי א פאסט טרעגער חלילה, וואס ברענגט אריבער א זאך פון איין פלאץ צום צווייטן, נאר ער איז געווען די תורה אליין, משה רבינו איז געווען די עצמיות התורה, ווען ער האט גערעדט צו די יודן די מצות התורה, האט דאס אריינגעשיינט אין זיי א כח, ס'האט אויפגעוועקט זייער הארץ, זיי זאלן משיג זיין די תורה, און זיי זאלן עס וועלן מקיים זיין. דאס אליין אז דער מענטש ווייסט אז ס'איז דא א תורה, און אז מ'האט מקבל געווען די תורה, איז נאך נישט גענוג, ס'דארף ברענגען דאס הארץ, מ'זאל עס וועלן מקיים זיין. ווען משה רבינו האט גערעדט, האט מען דאס דערהערט, מ'האט זיך אויפגעוועקט פון שלאף, צו פארשטיין וואס דאס הייסט מקיים זיין די תורה.

**פארדעם** האט דער אייבערשטער געהייסן ביי יעדע מצוה, משה רבינו אליין זאל רעדן צו די יודן, למשל ביי מצות ציצית זאגן מיר יעדן טאג, ויאמר ה' אל משה לאמר, דבר אל בני ישראל ואמרת אליהם ועשו להם ציצית, אז משה רבינו האט עס געזאגט, האבן יודן דערהערט וואס דאס הייסט מצות ציצית, און וואס דער טעם פון די מצוה איז, וראיתם אותו וזכרתם את כל מצות ה', זיי האבן עס משיג געווען און געלאפן עס מקיים זיין מיטן גאנצן הארץ.

**וואס** וועט אבער זיין שפעטער, ווען משה רבינו וועט נסתלק ווערן, ווער וועט דעמאלטס אריינגעבן אין יודישע הערצער דעם גרויסן כח, אויף דעם האט משה רבינו געלערנט די מצות התורה עקסטער מיט די ראשי המטות, ווען ער האט געלערנט מיט זיי, האט ער אריינגעגעבן אין זיי, און אין די ראשי המטות פון יעדן דור, דעם כח פון זיך, דער כח פון עצמיות התורה, זיי זאלן אויך קענען אריינלייכטן אין יודן, זיי

איבערגעבן די תורה אזוי, אז זיי זאלן לויפן עס מקיים זיין, אזוי איז געבליבן דער כח פון משה רבינו אויף אייביג, אתפשטותא דמשה בכל דרא ודרא.

**האט** מען דען נישט געזעהן דאס ביי צדיקים, ס'איז געווען א רבי ר' מענדל'ע (מרימנוב) אויף די וועלט, ווען ער האט געזאגט א ווארט, האט מען עס דערהערט. ס'איז געווען אמאל שבועות ביים רבין ר' מענדל'ע, קען זיין ס'איז יעדעס יאר אזוי געווען, איינמאל ווייסט מען, רבי יאסעלע יארטשוב'ער זי"ע האט עס פארציילט, ער איז געווען א תלמיד פון רבין פון לובלין זי"ע, אמאל האט ער נישט געקענט פארן אויף שבועות קיין לובלין, איז ער געפארן צום רבין ר' מענדל'ע זי"ע קיין רימנוב, האט ער דערציילט וואס ער האט געזעהן, ס'שטייט געדרוקט ווי אזוי ער האט דאס נאכגעזאגט, פארן ליינען די פרשה פון קבלת התורה, איז רבי ר' מענדלע קודם ארויס פון בית המדרש, ווען ער איז צוריקגעקומען, האט ער זיך אויפגעשטעלט און געזאגט: רבותי, איך טו ענק באפרייען פון דעם כפה עליהם ההר כגיגית, עטץ האטס א ברירה, אויב עטץ ווילטס נישט מקבל זיין די תורה, זענט עטץ באפרייט. האט דער עולם געשריגן: ניין, געוואלד, אונז וויל מיר מקבל זיין די תורה מיטן גאנצן הארץ. האט רבי יאסעלע געזאגט, ער האט געזעהן, אז ס'איז געווארן דעמאלטס פסקה זוהמתן אזוי ווי ביי מתן תורה, דער עולם איז געווארן געוואלדיג הויעך אויפגעהויבן, אז זיי האבן גארנישט געשפירט דעם גוף. נאך יום טוב איז קיינער נישט אהיימגעפארן, זיי האבן גארנישט געדענקט אז זיי דארפן אהיימגיין, רבי ר' מענדעלע האט געזעהן וואס ס'גייט פאר, זיי האבן דאך געדארפט אהיים גיין יעדער צוריק, האט ער געזאגט שובו לכם לאהליכם, אזוי ווי משה רבינו האט געזאגט נאך מתן תורה, זענען זיי אראפ פון די מדרגה און געקענט אהיימפארן.

**דאס** איז געווען דער כח פון א ווארט פונעם רבי ר' מענדעלע, ווען ער האט עפעס געזאגט, איז עס דאך געווען די שכינה אליין מדברת מתוך גרונו, אז מ'האט געקענט אויף אים א קוק טאן, און הערן זיין קול, האט מען שוין געוואלט היטן די תורה. צדיקים האבן געזאגט, השי"ת האט גענומען דעם שם הוי"ה, אנגעטאן א קאפאטא און א ספאדיק, דאס איז געווען דער רבי ר' מענדלע, ער איז געווען א בחינה פון א שם הוי"ה אליין, ווער ס'פארשטייט וואס דאס מיינט א שם הוי"ה. און דער ראפשיצער רב זי"ע האט פארציילט, אז דער רבי ר' מענדעלע האט אים אמאל גענומען אויף א שפאציר, אינמיטן האט ער אנגעהויבן זייער שטארק צו וויינען, האט אים דער ראפשיצער רב געפרעגט פארוואס ער וויינט, האט ער געזאגט, אז ער איז שוין געווען הונדערט מאל אויף דער וועלט, איינמאל איז ער געווען דער רמב"ם אליין, די ספרים יד החזקה איז ער אליין דער מחבר דערפון, יעצט איז ער דאס לעצטע מאל דא, דאס

האט ער פון זיין מויל אליין געהערט. האט ער וועגן דעם געוויינט, ער זאל נאך קענען אויפטון יעצט וואס ער דארף, מקרב זיין יודישע הערצער צום אייבערשטן.

- ב -

**איז** וואו נעמט מען דא אזא כח, פון די ראשי המטות, איינער וואס זאל אויפוועקן דעם עולם פון שלאף, פארשטיין געבן וואס דאס הייסט א מצוה, דער עולם איז זייער פארשלאפן, מ'וויל נאר האבן יוצא געווען, מ'האט שוין געענדיגט דאוונען, געענדיגט לערנען, ס'איז שוין אריבער א שבת, שוין יוצא געווען, ס'פעלט דאס חיות. איך האב געזעהן ברענגן, אין פרשת ויחי זאגט דער מדרש (ב"ר צח ג), ויקרא יעקב אל בניו, זענען דא דריי מאן דאמרין, רבי יודן זאגט, ויקרא יעקב אל, איז אזוי ווי אֵ־ל, ויקרא יעקב לאל להיות עם בניו, ער האט גערופן דעם אייבערשטן, ער זאל זיין מיט זיינע קינדער. רבי פנחס זאגט, זימנו לבניו, ער האט אים גערופן, ער זאל זיין גרייט פאר זיינע קינדער. נאך א מאן דאמר זאגט, עשאו אפוטרופוס על בניו, ער האט געמאכט דעם אייבערשטן כביכול, אן אפוטרופוס פאר זיינע קינדער.

**וואס** גייט דא פאר, וואס איז דער חילוק צווישן די דריי מאן דאמרין. טייטשן די ספרים הק' פשט אין דעם אזוי, יעקב אבינו האט דאך געהארעוועט אויפצושטעלן די שבטי י'ה, ער האט געוואוסט אז ס'מוז אלעם זיין מיט גרויס טהרה, אלע קינדער דארפן זיין ריין, איז ער קודם געגאנגען פערצן יאר לערנען תורה, פאר ער איז געגאנגען צו לבן, האט ער געוואוסט אז ער ברויך צו זיין קודם בבית עבר, לערנען די תורה בקדושה וטהרה. נישט אזוי ווי ס'הייסט ביי אונז געלערנט, ווי דער פראסטער שכל פארשטייט, ער האט געלערנט און מיטגעגעסן א שטיקל קעיק אויך, און אינמיטן האט ער געשמועסט און געלאכט, און צו די טעלעפאנען אלץ געלאפן, יעקב אבינו האט זיך איבערגעגעבן צום אייבערשטן, זיך מקריב געווען פאר די הייליגע תורה, ער איז דאך געווען כולו קודש, לא ראה טומאה מימיו.

**נאכדעם** האט ער הערשט געקענט גיין צו לבן, און אז ער איז שוין געקומען צו לבן, וואלט ער דאך שוין געקענט חתונה האבן. ניין, ער האט קודם געזאגט, אעבדך שבע שנים ברחל בתך הקטנה, פארוואס האט ער דאס געזאגט, לבן האט דאך נישט געזאגט אז ער פארלאנגט אזויפיל, ווען א מענטש פארקויפט א זאך, דער מוכר זאגט ער וויל אזויפיל, בעהט דער לוקח ער זאל עס געבן פאר ווייניגער, אבער דער לוקח זאל זאגן מער, אז יעקב קומט נעמען רחל, זאגט ער אליין אעבדך שבע שנים. נאר יעקב אבינו איז געקומען דא צוגרייטן א כלל ישראל, ער האט געזעהן דעמאלטס אלעס וואס ס'וועט זיין, ווי אזוי גאנץ כלל ישראל וועט אויסזעהן, האט ער נישט

געוואלט אנדערש, נאר קודם זיבן יאר זיין ביי לבן אין גלות. ווייל דער לבן איז דאך געווען א גרויסע קליפה, אלע טומאות פון אלע עבודה זרה'ס זענען דארט געווען, האט ער זיבן יאר געליטן ביי אים, שטארק געליטן, לבן האט טויזנט מאל איבערגעדרייט, איבערגעטוישט זיינע ווערטער, און יעקב האט דאס געדארפט אויסהאלטן, און אים איבערקלוגן, מיט דעם האט ער דעם קליפה מכניע געווען, ארויסגענומען פון אים די ניצוצי קדושה, דאס איז געווען די הכנה ער זאל קענען אויפשטעלן די קינדער, אזוי האבן זיי געקענט זיין אינגאנצן ריין, זרע ברך ה'.

**ס'זענען** דא אין דעם פון אר"י הק' נאך פארשידענע טיפע זאכן, יעדע ריר האט א טעם פארוואס און פארוועז, איך קען נישט זאגן נאר ברמז, דער אר"י הק' זאגט (לק"ת יחזקאל), פארוואס איז קין געווען א רוצח, ווייל ווען ער איז געבוירן פון אדם הראשון, איז געווען דארט א טומאה, ער איז נישט געבוירן געווארן בטהרה. יעקב אבינו איז דאך געקומען אויף דער וועלט מתקן צו זיין די זינד פון אדם הראשון, האט ער געדארפט טון פארקערט, זיין אינגאנצן ריין, ווען ער איז מוליד די שבטים, האט עס געדארפט זיין אויסגעארבעט אינגאנצן, הייליג ריין. איך קען נישט אלעם מסביר זיין, מ'וועט דאך נישט פארשטיין אפילו א פערטל, די בחינה פון אעבדך שבע שנים קען איך מסביר זיין, דאס קען מען פארשטיין, די זיבן יאר וואס דאס איז געווען, ער זאל קודם ווערן שטארק געלייטערט, און מוציא זיין פון לבן אלעם, פארדעם האט ער געזאגט שבע שנים, נישט סתם ער האט עפעס א זאג געטאן, יעקב'ס ווערטער זענען נישט געווען סתם אזוי.

**מ'זאל** פארשטיין אביסל נאך, וואס דאס הייסט אווארט פון יעקב אבינו, וועל איך נאכזאגן וואס דער מדרש זאגט (ב"ר צא י), מעולם לא אמר יעקב אבינו דבר של בטלה, נאר ווען די ברידער זענען צוריקגעקומען פון מצרים, שטייט (מג ו) ויאמר ישראל למה הרעותם לי להגיד לאיש העוד לכם אח, דאס איז געווען פונעם גאנצן לעבן, וואס ער האט געזאגט א ווארט וואס ער האט נישט געדארפט. און דער דבר של בטלה האט אויך געהאט א טעם, פארוואס דער אייבערשטער האט געפירט ער זאל דאס זאגן, כדי ער זאל האבן עפעס א שייכות צו טומאת מצרים, טומאת מצרים איז דאך געווען ערות הארץ, ווי קען יעקב אבינו קומען אהין, ווי קען ער האבן א שייכות מיט אזא טומאה, נאר וויבאלד ער האט שוין געזאגט עפעס אן איבריג ווארט, און פגם ברית הלשון מיט פגם ברית המעור זענען דאך געבונדן איינע מיט די אנדערע, האט מען שוין געהאט א כח צו ברענגן יעקב קיין מצרים, ער האט געברויכט צו קומען קיין מצרים, כדי אויפצוהייבן די ניצוצות, אבער ווען נישט דעם פגם וואלט ער נישט געקענט צוקומען אהין. אזוי זאגן די ספרים הק', אז פארדעם האט פאסירט דער דבר של בטלה, דאס

איז נישט סתם עפעס א תירוץ, עפעס א שיין ווארט געזאגט, ס'איז א הייליג ווארט, קדשי קדשים.

- ג -

על כל פנים, קען מען אביסל פארשטיין, וואס דאס איז טייטש א ווארט פון יעקב אבינו, און אז ער האט געזאגט אעבדך שבע שנים, האט דאס געהאט א גרויסער טעם, צו צוגרייטן דעם וועג, ער זאל קענען אויפשטעלן די קינדער, אויף אזא אופן אז ס'זאל זיין אינגאנצן ריין. יעצט ווען ער האט געדארפט נסתלק ווערן, האט ער געקוקט וואס וועט זיין ווייטער מיט זיינע קינדער, ווי אזוי וועלן זיי ווייטער קענען בלייבן הייליג און ריין. האט ער געזאגט, רבוש"ע, ויקרא יעקב לאל, להיות עם בניו, ער האט געבעטן די שכינה זאל שטענדיג רוען איבער זיי, דער אֵ‑ל, די געטליכקייט, זאל אלעמאל זיין מיט זיינע קינדער.

צו דעם דארף מען דאך אבער זיין ראוי, נישט יעדער איז אין די מדרגה, די שכינה זאל שטענדיג קענען רוען אויף אים, ס'זענען דא פארשידענע מדרגות אין נשמות, ס'איז דא נפש רוח נשמה, ווען איינער איז בבחינת נשמה, קען די שכינה רוען אויף אים שטענדיג, אויף די מדרגה האט ער געבעטן, לא'ל להיות עם בניו, די שכינה זאל שטענדיג שטיין איבער זיי, אז די שכינה וועט רוען, וועלן זיי שוין אליין שפירן דעם טעם, ווי אזוי מ'ברויך צום אייבערשטן צוגענענען, זיי וועלן עס אליין משיג זיין, דאס זאגט איין מאן דאמר, רבי יודן, ס'איז נישט קיין חילוק ווען, אייביג זאל די שכינה רוען.

איך וויל נאר צוגעבן צו דעם, אז אפילו איינער איז נישט אין די מדרגה, ער איז נישט בבחינת נשמה אייביג, קען אבער זיין ער זאל שבת זיין אין די בחינה, שבת איז יומא דנשמתא, קען יעדער יוד זיין אין די בחינה, און ממילא קען מען שפירן דעמאלטס די השראת השכינה שטענדיג. ס'זענען פאראנען נאך אופנים, למשל בשעת א מענטש איז מקיים א מצוה, קען ער אויך זיין אין די בחינה, אדער ווען איינער פירט זיך מיט מסירות נפש, רועט די שכינה אויף אים מיט א גרויסע מדרגה, אזוי ווי בבחינת נשמה.

על כל פנים, גייען מיר ווייטער, דער צווייטער מאן דאמר זאגט, זימנו לבניו, דאס איז נאך א בקשה, ער האט געבעטן, אז די וואס זענען נישט אין די ערשטע מדרגה, זיי זענען נאר בבחינת נפש, די וואס זענען בבחינת נפש, זענען נאך פארשטעלט, דער גוף פארשטעלט זיי זייער, און זיי האבן נסיונות וואס פארשטעלן, זיי האבן אבער א רצון צו זיין מיטן אייבערשטן, נפש איז א לשון רצון, אם יש את נפשכם, טייטשט רש"י הק' רצונכם, האט יעקב אבינו מתפלל געווען, אז ווען זיי וועלן נתעורר ווערן, ווען ס'וועט זיך אויפוועקן אין זיי דער רצון, זאל די שכינה זיין גרייט צו רוען ביי זיי.

דאס טייטש זימנו לבניו, אזוי ווי ווען איינער גרייט אן א מאכל פאר א גאסט, אז ער וויל נעמט ער עס, אז ער וויל נעמט ער עס נישט, אבער ס'איז גרייט, אזוי זימנו להקב"ה, ער זאל כביכול זיין גרייט, טאמער וועט נתעורר ווערן אין זיי א רצון, צו פילן א טעם אין יודישקייט, זאל די שכינה זיין גרייט, צו לייכטן אויף זיי דעם אור, דאס איז דער צווייטער מאן דאמר.

**דער** דריטער מאן דאמר זאגט, עשאו אפוטרופוס על בניו, יעקב אבינו האט געזעהן, אז עס וועלן זיין יודן וואס וועלן זיין נאך קלענער פון דעם, זיי וועלן נישט זיין אפילו בבחינת נפש, נאר בבחינת גוף. אונז זעמער אלע אין די בחינה, די נשמה איז אזוי קליין, אז דער גוף האט א שטארקן כח, ער נעמט ארום דעם גאנצן מענטש, ער ציעט, ער פארדרייט דעם קאפ, ער רעדט איין דעם מענטש פארשידענע תאות און נארישקייטן, דער גוף ארבעט דאך ארום, קניינעהארע וואס ער דרייט אלץ אן. אויף די מדרגה האט יעקב אבינו געזאגט, רבונו של עולם, איך וויל דיך מאכן אן אפוטרופוס אויף מיינע קינדער, אן אפוטרופוס איז טייטש, אזוי ווי יתומים וואס זיי האבן נישט קיין פאטער חלילה, אדער א מוטער, זיי זענען קליין, מוזן זיי האבן אן אפוטרופוס זאל אכט געבן אויף זיי, מ'קען זיי נישט לאזן פריי, זיי זאלן טון ווי אזוי זיי ווילן, ווייל זיי ווייסן גארנישט, פארשטייען גארנישט, דער אפוטרופוס דארף זיי ווייזן, ער היט זיי אפ, זיי זאלן נישט גיין לויט זייער שכל, לויט זייערע תאות, דאס הייסט אן אפוטרופוס. נישט אז ער הייסט אן אפוטרופוס, ער באקומט א געהאלט, און ער טוט גארנישט דערצו. אן אפוטרופוס איז טייטש ער שטייט אויף דער וואך, ער גיט אכטונג אויף יעדן קינד, קיין איינער פון זיי זאל נישט פארפאלן גיין. דאס האט יעקב אבינו געבעטן דעם אייבערשטן, ווען מיינע קינדער וועלן זיין אין א נידריגע מדרגה, וואס דער גוף קען זיי פארפירן, זאלסטו זיי היטן, אכט געבן, אז זיי זאלן נישט ווערן פארפירט, זאלסט זיי לערנען און ווייזן ווי אזוי זיי קענען אפילו פון דארט, זיך אומקערן אלץ צוריק צום אייבערשטן.

**דאס** זענען די דריי מאן דאמרין, זיי זענען נישט מחולק איינער מיטן אנדערן, יעדער רעדט פון אן אנדערע מדרגה, די וואס זענען בבחינת נשמה, ביי זיי איז די שכינה אלץ דארט. די וואס זענען בחינת נפש דארפן נאך הארעווען זיי זאלן וועלן. און די וואס זענען בחינת גוף, זענען זייער קליין, מ'מוז זיי זאגן, ערקלערן, אכט געבן, זיי לערנען יעדע זאך, קוק וואס דו טוסט, זעה ווי אזוי דו פירסט זיך.

- ד -

און אז יעקב האט מתפלל געווען אויף דעם, איז זיין תפלה נתקבל געווארן, דער אייבערשטער איז טאקע אונזער אפוטרופוס, ער היט אונז שטענדיג. ווי אזוי, קומט ער דען אליין זאגן, אונז לערנען יעדע זאך, ביזט שפעט אויפגעשטאנען, האסט נישט וט געלערנט. נאר ער האט אריינגעלייגט אין אונז א חלק אלו"ה ממעל, מבשרי אחזה אלו"ה, יעדער יוד האט אין זיך א געטליכקייט, אפילו דער גוף פארשטעלט עס זייער, ליגט עס באהאלטן אין יעדן יוד, דאס איז א ירושה פון די אבות, דאס האבן יעקב אבינו און די אבות אויסגעפועלט, דאס היט דעם מענטש, דאס לערנט אים, אז כאטש דער גוף פארפירט אים, זאל ער זיך אלץ צוריקקערן צום אייבערשטן, עס ציעט דעם מענטש צוריק, ער זאל זיך קענען שטארקן און צוריקגיין צום גלייכן וועג.

און די תורה איז אויך דער אפוטרופוס פון יודן, דער אייבערשטער האט אונז אויף דעם געגעבן די תורה, דאס זאל אונז לערנען און היטן, אז א יוד לערנט די תורה, קען ער פון דארט אלעס וויסן. סיי די מעשי האבות וואס שטייט אין די תורה, מעשי אבות סימן לבנים, דאס לערנט די בנים, זיי זאל וויסן ווי אזוי זיך צו פירן. אז דער מענטש ווייסט איך בין א קינד פון די אבות, ווי מ'זאגט צופרי, אבל אנחנו עמך בני בריתך, בני אברהם אוהבך, זרע יצחק יחידו, עדת יעקב בנך בכורך, גייט ער נאך זייערע וועגן, חייב אדם לומר מתי יגיעו מעשי למעשה אבותי, מ'מיינט נישט אויף די מדרגה וי זיי אליין, אבער ער זאל וויסן אז די אבות זענען אונזער שורש, און ער זאל וועלן זיי אכגיין. דאס איז איין חלק פון די תורה, די מעשי האבות פון די תורה, איז דער אפוטרופוס, עס לערנט דעם וועג פאר א יוד.

און נאכדעם די גאנצע תורה בכלל, וואו נאר אין די תורה א יוד לערנט, זעהט ער פון דעם וואס ער דארף צו טון, ווי דער זוה"ק זאגט דאס לשון (ח"ג כג:) אורייתא קא מודעא ליה חוביה, די תורה איז מודיע פארן מענטש, ס'זאגט אים וואס ער טוט נישט וט. כל שכן ווען ער לערנט וואס ער דארף צו טון, אז א יוד טוט זיך אריין אין די הייליגע תורה, ער לערנט און חזר'ט ש"ס און ארבע חלקי שולחן ערוך, און ער טוט דורך יעדע זאך פונעם מקור, פון די גמרא ביזן שולחן ערוך, ווערט ער געוואר אלץ מער און מער וואס ער דארף פארעכטן. וויפיל הלכות זענען דא בין אדם לחבירו, וואס א מענטש ווייסט נישט, אז מ'לערנט דיני ממונות ווערט מען געוואר א געוואלד, און אזוי בין אדם למקום, אז מ'לערנט הלכות נטילת ידים, ווייסט מען ווי אזוי מ'דארף דאס מקיים זיין, נישט ער גיט זיך א וואש, מ'ברויך אינזין האבן פארוואס מ'וואשט זיך, און מ'דארף וויסן וואו מ'מעג צורירן און וואו נישט, יעדע ריר האט הלכות. ממילא איז די תורה אונזער אפוטרופוס, אונזער וועג ווייזער, דער גוף זאל אונז נישט פארפירן.

## - ה -

און צו דעם, שיקט דער אייבערשטער אין יעדן דור, די ראשי המטות, וואס זאלן לערנען די תורה מיט יודן, זיי זענען די שלוחים פון אייבערשטן צו היטן כלל ישראל, זיי צו לערנען, זיי זאלן גיין אויפן גלייכן וועג, זיי זאלן נישט ווערן נאכגעשלעפט נאכן גוף. דאס דארפן מיר היינט זייער נייטיג האבן, מיר זענען אינעם אלף הששי, און אונז זעמער אין גלות אמעריקע, אין דעם גלות זענען דא אלע אומות צוזאמען, אלע יצר הרע׳ס, און אונז זעמער אלע בבחינת גוף, דער גוף ציעט דעם מענטש צו אלע מדות רעות, קנאה, שנאה, פארשידענע מחלוקת׳ן בין אדם לחבירו, ברויך מען זייער האבן א גרויסע שמירה, מ׳זאל נישט ווערן אוועקגעשלעפט, מ׳זאל זיך קענען שטארקן, זיך צוריקקערן אלץ צום אייבערשטן.

איך האב שוין נאכגעזאגט, איך האב געהערט פון א יוד א זקן, זייער אן איידעלער יוד, ער איז נאך געווען ביים שינאווער רב זי״ע, שפעטער האט ער געוואוינט דאהי, האט ער מיר פארציילט, וואס ער האט געהערט אדער פון שינאווער רב אליין, אדער פון די חסידים דארט, אז אמאל פרייטאג צונאכטס, ווען דער הייליגער דברי חיים זי״ע האט אויפגעהויבן דעם כוס צו מאכן קידוש, האט ער עס צוריק אראפגעלייגט, ער האט זיך אראפגעזעצט, ער איז געזעצן אויפן שטול לאנג, ווען ער האט זיך אויפגעכאפט, האט ער געזאגט: אוי, יעדע הונדערט פופציג יאר ווערט אינעם גלות נתחדש א נייער גלות, איצט האט זיך אנגעהויבן א נייער גלות, גלות אמעריקע. האט ער געזאגט דאס לשון אזוי: און פון דארט וועט שוין משיח קומען. דער גארליצער רב האט דאס געהערט דעמאלטס, איז ער נאך שבת געפארן צום ברודער, צום שינאווער רב, ער האט אים געזאגט, לאמיר פארן צוזאמען קיין אמעריקע, צוגרייטן דאס פלאץ פאר כלל ישראל וואס וועלן אהין גיין. האט דער שינאווער רב געזאגט, איך האב מורא צו פארן, דו האסט געהערט פון טאטן, ברויכסטו טאקע צו פארן, איך האב נישט געהערט, דארף איך נישט, איך האב מורא פאר מיר אליין, און פאָרן אליין האט דער גארליצער רב נישט געוואלט.

על כל פנים, דא זענען מיר יעצט, און מען זוכט דא דעם אפוטרופוס, ווער ס׳זאל לערנען כלל ישראל, מ׳זוך מיר די ראשי המטות, וואס האבן דעם כח פון משה רבינו, זיי קענען היטן כלל ישראל, זיי זאלן נישט ווערן נאכגעצויגן נאך די אלע תאות אין דעם גלות. עקסטער דארף מען היינט א שמירה אויף שמירת היסוד, אין מצרים איז געווען ערות הארץ, די גלות היינט איז נאך ארגער ווי אין מצרים, מ׳ברויך אכטונג צו געבן אויף דעם, ס׳שטייט טאקע (כתובות יג:) אין אפוטרופוס לעריות, דאס איז טייטש, אז ביי דעם ענין קען מען נישט אהערנעמען די זאך איינגאנצן, מ׳קען נישט וויסן, און

מ׳קען נישט פאררעכטן איינגאנצן, אבער טאן ברויך מען וואס מ׳קען, מ׳ברויך צו טאן א געוואלד, און מ׳קען טאן א געוואלד, אריינצוברענגען קדושה וטהרה אין יודישע הערצער.

**און מ׳ברויך צו לערנען יודן כסדר, אז מ׳איז נישט געקומען אויף דער וועלט נאכצוגיין** דעם גוף, נאר אים איבערצומאכן, מ׳ברויך צו וויסן אז גיין אין מקוה איז נישט געמאכט פאר קיין תאוה, און דאס עסן און טרינקן זענען נישט געמאכט פאר קיין תאוה, מ׳דארף עסן מ׳זאל האבן כח, ס׳איז א זאך וואס מ׳ברויך דורכצוגיין, מ׳ברויך פרובירן ווי ווייט מ׳קען, ווי וויניגער הנאה צו האבן, פאסטן טאר מען טאקע נישט היינט סתם אזוי, אבער דאס איז נישט טייטש אז מ׳מעג עסן לתאוה, כאטשיג וואס, כאטשיג ווען, יעדע רגע נאך עפעס, שוין ווייטער עסט ער, שוין ווייטער טרינקט ער.

**אז דער מענטש גייט נאך די תאוה פונעם גוף כסדר, אליץ נאכאמאל עסן און שלאפן,** און רעדן, און קוקן, און הערן, פארשטעלט דאס די השגה, ער פילט נישט קיין טעם אין יודישקייט, אזוי ווי א קראנקער מענטש, פילט נישט קיין טעם אין די בעסטע מאכל, די בעסטע זופ קען ער נישט נעמען, און ער הערט נישט וואס מ׳רעדט צו אים אויך נישט, פאר גרויס שוואכקייט. אזוי זעען מיר אויס, אונז זעמער קראנק, מ׳פילט נישט קיין טעם אין יודישקייט, און די אֳהרען זענען פארשטאפט, מ׳הערט גארנישט וואס מ׳רעדט, מ׳קען ניטאמאל אויפוועקן דעם עולם פון שלאף.

**אויף דעם בעט מען רפאנו ה׳ ונרפא, דער אייבערשטער איז רופא חולי עמו ישראל,** גאנץ כלל ישראל דארף א גרויסע רפואה, די נשמה זאל ווערן געהיילט, די השגה איז נעבעך אזוי שוואך, און ס׳איז נישטא ווער ס׳זאל אויף אונז אכט געבן, דער מענטש איז גארנישט געוואוינט זיך צוריקצוהאלטן, ער איז נישט געוואוינט צו ארבעטן שווער, צו שוויצן ביים דאווענען, שוויצן ביים לערנען, ער לאזט דעם גוף פירן אלעס, ווי אזוי ס׳לאזט זיך טוט ער.

**און דער דיבור דארף דאך אזא גרויסן תיקון, דאס מויל איז אזוי הפקר, דער מענטש** האט ליב צו רעדן וואס ס׳קומט אים אונטער, ווי אזוי דאס מויל גייט אים. און אלע חושים פונעם מענטש זענען תלוי אינעם דיבור, דיבור איז א לשון הנהגה, דאס פירט דעם גאנצן מענטש, ווי ס׳שטייט אין ערשטן פרק אין אבות (מ״ז), שמעון בנו אומר כל ימי גדלתי בין החכמים ולא מצאתי לגוף טוב משתיקה, לגוף, די עצה פארן גוף, ער זאל נישט אזוי רודערן, איז דאס שוויגן. און צדיקים טייטשן, לגוף טוב, אפילו א גוף וואס איז שוין טוב, טוב טייטש אור, אור כי טוב, אפילו א גוף וואס איז שוין

אויסגעלייטערט, האב איך נישט געטראפן פאר אים בעסער ווי שווייגן, נו שטייט נישט דא געגנוג.

און פון די מעשה פון יעקב אבינו, דארף מען דאך לערנען א מוסר אויף דעם, ווייל ער האט איינמאל גערעדט א דבר של בטלה, האט ער שוין געהאט א שייכות מיט די טומאה פון מצרים, אונז זעמער נישט אויף די מדרגה פון יעקב אבינו, אבער מ'קען זיך לערנען פון דעם וואס דאס איז טייטש אן איבריג ווארט, אז ס'ברענגט צו פגם ברית המעור, אפילו מ'ווייסט נישט, באונס אדער בשוגג. און דער מענטש מיינט ס'איז א שפילעכל, ער רעדט און שמועסט כאטשיג וואס, אפילו ביים דאווענען קען ער זיך נישט צוריקהאלטן, ביי פארנט שמועסט ער נאך. און איך טענה אלץ מיט די בחורים, אז כאטש שבת זאלן זיי אפשטעלן די שמועסערייען, און זיי קוקן מיך אָן, זיי ווייסן נישט, זיי האבן נישט קיין השגה וואס איך וויל, דארף מען דאך א גרויסע רפואה, דער דיבור איז זייער פארדרייט, זייער נאריש.

- ו -

און מ'קוק מיר זיך אום אביסל, ווי אזוי ס'זעהט אויס די ברכות מאכן, די קינדער זענען נישט געוואוינט ארויסצוזאגן א ברכה בפה מלא, די ברכת התורה, ברכת הנהנין, און דאס גאנצע דאווענען, איז ביי די קינדער און בחורים נאך זייער אין די לופט, זיי ווייסן גארנישט אז מ'דארף ארויסזאגן א זאך מיט א פול מויל, און מיט א גאנץ הארץ, זיי האבן נישט קיין השגה אין דעם, זיי האבן קיין שום אהנונג נישט וואס דאס איז. איי האב איך הנאה, ווען זיי קומען זיך פארהערן משניות, בלעטער גמרא, איך האב אזוי ליב צו הערן ווען א קינד קען גוט, און פארשטייט וואס ער לערנט, ווען ער פארשטייט טאקע וואס ער רעדט. אבער דערנאך ווען ס'קומט צו א ברכה, צו א דאווענען, גיט ער א כאפ, ער איז ניטאמאל יוצא, און דער בעל דבר שפירט זיך זייער גוט, ער פאפט ארום דעם מענטש, ער מיינט ער האט שוין יוצא געווען מיטן לערנען. אז מ'לערנט נישט די תורה חלילה, איז דאך דאפלט טונקל, איך רעד אבער ווען מ'לערנט ב"ה יא בפה מלא, דער אייבערשטער זאל העלפן מ'זאל ווייטער שטייגן אין לימוד התורה, ידיעת התורה, מיט א פול מויל, ביי א ברכה הערט מען אבער נישט קיין ווארט. און נאך אביסל וואקסט ער אויף, ער איז שוין א גאנצער מענטש, מ'קען אים שוין גארנישט זאגן, און ער בלייבט א גאנץ לעבן אזוי קאלט, קאלט צו א דאווענען, און קאלט צו א מצוה.

אויף דעם האט דער רבוש"ע געשיקט דעם בעל שם טוב הק' ותלמידיו, זיי זענען די ראשי המטות, אין דעם לעצטן דור זענען זיי געקומען לערנען די תורה מיט כלל

ישראל, זיי האבן געלערנט ווי אזוי מ'דארף דאס דאווענען אפרעכטן. מ'קען נישט פארן עולם דא פארשטיין געבן ווער דער בעל שם איז געווען, דער עולם פארשטייט דאך נאר פשוטע זאכן, אבער דאס ווייסט מען דאך, אז ער איז געווען א תלמיד פון אחיה השילוני הנביא, אחיה השילוני איז געווען מבית דינו של דוד המלך, און ער האט נאך מקבל געווען פון משה רבינו אויך, און ער האט געלערנט מיטן בעל שם צעהן יאר, פון בראשית ביז לעיני כל ישראל, וואס ס'שטייט אלץ אין יעדן פסוק, אין איין פסוק וידבר משה אל ראשי המטות, קען מען יארן לערנען וואס דאס איז טייטש. קען מען פון דעם פארשטיין אביסל ווער דער בעל שם איז געווען, ס'איז נישט געווען בימיו נאך איינער וואס זאל אזוי קענען די תורה ווי ער, ווי אזוי דער בעל שם האט געקענט די תורה האט קיינער נישט געקענט, קיינער האט נישט פארשטאנען וואס ער האט פארשטאנען.

און אלע ספרים וואס זענען ארויסגעקומען, פון אים און פון זיינע תלמידים, ערקלערן און ווייזן צו, ווי אזוי דער בעל דבר ארבעט ארום מיטן מענטש, זיי זענען מסביר אלץ, אויב א מענטש זינדיגט חלילה, לאזט אים דער בעל דבר לערנען תורה, אז נישט וועט ער דאך כאפן אז ער דארף תשובה טון, אז א מענטש לערנט תורה און ער טוט נישט תשובה צום אייבערשטן, זעהט ער נישט דעם אמת פון די תורה, און די תורה מאכט אים נאך ארגער אויך, ווי די גמרא זאגט (יומא עב:) לא זכה נעשית לו סם מיתה, ווייל ער רעדט זיך איין אז ער איז קלוגער און העכער, ער פארשטייט בעסער, און ער קען זינדיגן ווייטער אויך, רחמנא ליצלן. דער בעל שם האט יעדן טאג פארפירט, וועגן דעם וואס דער מענטש איז גרויס ביי זיך, ער האט נישט קיין צובראכן הארץ, ווען דער מענטש האט נישט קיין צובראכן הארץ, איז ער נישט פארבינדן מיטן אייבערשטן, ער קען זיין זינדיג און שמוציג, און ער איז גארנישט מודה, ער קען נישט צוקומען צו קיין תשובה אויך נישט, די גאוה לאזט אים נישט.

האט דער בעל שם איבערדעם פארלייגט געוואלדיגע כחות אויף דעם ענין פון תפלה, ער האט געוויזן, אז ווען דער מענטש איז זיך מדבק אין תפלה, ווערט ער דבוק צום אייבערשטן, תפלה איז טייטש דביקות, און ממילא לערנט ער נאכדעם תורה מיט א צובראכן הארץ, און די תורה ברענגט אים נאכדעם צו, ער זאל זעהן ווי ווייט ער איז, ער זאל טון אלץ מער תשובה צום אייבערשטן, און ממילא קען ער דורכדעם זעהן די אמת פון די תורה. נו פארשטייט מען נישט, אז מ'דארף אויף תפלה פארלייגן כחות, קומען אין צייט, און דאווענען ווי ס'דארף צו זיין, מ'מיינט איך רַעש סתם אזוי, דאס גאנצע לעבן פון א יוד ווענדט זיך דאך אין דעם.

ווען א מענטש ווייסט אז ס'איז א פעלער, ער דאווענט נאך נישט ווי ס'דארף צו זיין, ס'טוט אים וויי, ער גיט א קרעכץ, וועט ער עס קענען פאררעכטן צוביסלעך.

אבער אויב ער האלט ער ווייסט בעסער, ס'זענען נעבעך דא אזעלכע וואס זענען מזלזל אינעם דאווענען, זיי מאכן עס אוועק, זיי האלטן עס ביליג און קאלט, זיי זאגן זיי ווייסן בעסער, וואס ווייסן זיי בעסער, פון בעל שם איז נישטא קיין בעסערס, קיין העכערס. נישט איך זאג דאס, די צדיקים האבן דאס געזאגט, דער הייליגער רבי מרדכי'לע מטשערנאביל זי"ע האט געזאגט: איך בין מובטח, אז ביז משיח'ס טאג, טאמער א יוד וועט נאך געבן אן ערליכן קרעכץ פארן אייבערשטן, קען עס נישט זיין נאר אין כח פון בעל שם ותלמידיו. אפילו די מתנגדים בימי הבעל שם, האבן אויך געהאט א חיות נאר דורך אים, נאר דורך אים האבן זיי געקענט קומען צו א שטיקל יודישקייט, קען מען פארשטיין ווי ווייט מ'ברויך צו ציטערן פון וואס די תלמידי בעל שם האבן געלערנט.

זאל מען אין דעם ארייקוקן, אין די אלע ווערטער וואס די תלמידי בעל שם האבן אראפגעגעבן, מסביר געווען, מ'זאל דאס נישט האלטן פאר גרינג, מ'זאל פארשטיין וואס דאס הייסט רעדן צום אייבערשטן, מאכן א ברכה פארן אייבערשטן, דאס דאווענען און די מאה ברכות וואס שטייט אין שולחן ערוך, זאל מען זאגן יעדן טאג מיטן גאנצן הארץ, און נישט אינזין האבן קיין אנדערע מחשבות דערביי, תפלות אבות תקנום, די אנשי כנסת הגדולה האבן עס נאכדעם מסדר געווען, אבער די אבות האבן עס מתקן געווען, תקנום איז טייטש, זיי האבן עס געגעבן פאר א תיקון הנפש, דורך דעם קען דער מענטש צוקומען צו א תיקון הנפש, ער זאל נישט גיין אין די פינסטערניש.

- ז -

און דאס תהלים זאגן זאל מען אויך נעמען ערנסט, מ'זאל פארשטיין וואס דאס הייסט, אז דער מענטש קען זיך מדבק זיין צו דוד המלך, צו דוד, צו דוד, ער איז דאך דער ווידער פון כלל ישראל, וויפיל מאל שטייט עס אין פסוק, אז ער וועט ווידן כלל ישראל, דער אייבערשטער זאגט (יחזקאל לד) ועבדי דוד הוא ירעה אותן, ועבדי דוד נשיא להם לעולם (שם לז), און אין תהלים שטייט, ויקחהו ממכלאות צאן, דער אייבערשטער האט אים גענומען פונעם ווידן די שעף, לרעות ביעקב עמו ובישראל נחלתו, ער זאל ווידן די יודן, וירעם כתום לבבו ובתבונות כפיו ינחם, ביי די שעף האט ער טאקע געקענט זיך מדבק זיין צום אייבערשטן, דארט האט ער זיך אויסגעארבעט דאס הארץ, זיך אויפגעהויבן צום אייבערשטן, דארט ביי די שעף האט ער געלערנט די גאנצע תורה, פון דארט האט אים דער אייבערשטער גענומען, ממילא ווען מ'האט שכל זיך צו באהעפטן אין דוד, קען מען פון דארט משיג זיין די תורה אויך.

**ס'איז** ידוע די מעשה, דער הייליגער בארדיטשוב'ער זי"ע איז געווען אמאל אין פרעשבורג, נאך פארן חתם סופר ז"ל איז געווען רב דארט א גרויסער מענטש, אן איש גדול ונורא (מהר"ס ברבי מפרעשבורג), האט ער געפרעגט דעם בארדיטשוב'ער פשט אין א תוספות, וואס ער האט נישט פארשטאנען, האט דער בארדיטשוב'ער געזאגט קאפיטל כ"ד אין תהלים, לדוד מזמור, און ער האט אים געזאגט דעם פשט, האט אים דער רב געפרעגט ווי קומט דאס, האט ער געזאגט, דער בעל התוספות איז מרומז אין דעם קאפיטל תהלים, האב איך געבעטן ער זאל קומען מיר זאגן דעם פשט.

**אויף** דעם וועג קענען מיר אלע גיין, נישט אויף די מדרגה ווי ער, אבער ווען מ'פארשטייט נישט א זאך, דארף מען זאגן תהלים, בעטן דעם אייבערשטן, ווען מען פון דעם פארשטיין. ס'שטייט אין די ספרים, ווען איינער וויל אמת'דיג פארשטיין דאס לערנען, זאל ער זאגן דעם תמניא אפי, ס'איז געווען א מנהג אינדערהיים, די פרומע אשכנזים פלעגן דאס זאגן יעדן טאג צוזאמען. על כל פנים, אליין פאר זיך קען עס דאך יעדער מקיים זיין, עס זאגן ווען ער קען, און בעטן אז ער וויל קענען די תורה, ער וויל נאר קענען לערנען תורה, און איבערגעבן תורה, און מקיים זיין.

**און** ווען אימער מ'קען, זאל מען אריינכאפן א קאפיטל תהלים, אינדערוואכן און שבת, און דעם יום החודש וואס מ'זאגט נאכן דאווענען, זאל מען האלטן טייער, דער מענטש ווייסט ער קען נישט יעצט זאגן מער, ווייל מ'דארף שוין גיין לערנען, אבער די ביסל זאגט ער ערליך, און ער האלט עס חשוב, ווערט ער מיט דעם פארבינדן מיט דוד המלך, איז אלעס נאכדעם גאר אנדערש, קען ער פון דעם א גאנצן טאג שפירן א השראת השכינה, דוד איז דאך די שכינה, דוד איז מלכות, די אבות זענען קעגן די דריי מדות, חסד גבורה תפארת, און דוד איז דער מלך המשיח, די מדת המלכות, דאס זענען די ד' רגלי המרכבה. דער פסוק זאגט (ויקרא כו מב) וזכרתי את בריתי יעקב ואף את בריתי יצחק ואף את בריתי אברהם אזכור והארץ אזכור, זאגט דער זוה"ק (ח"ג נג.), אז והארץ מיינט מען דוד, די מדת המלכות ווערט אנגערופן ארץ.

- ח -

**איז** דאס אונזער שמועס ביי שלש סעודות, מ'זאל נישט פארגעסן, די מוסר זאג איך פאר מיר אליין, דער עיקר זאג איך פאר מיר, איך רעד מתוך אהבה, מתוך אהבה בעהט איך, מיך און דעם עולם, מיינע גוטע פריינד און תלמידים, מ'זאל מיר צוזאמען אנהייבן קוקן, זעהן דעם אייבערשטן, יחד כולם קדושה לך ישלשו, צוזאמען זאלן מיר זיך ארייננטון אין די הייליגע תורה, לערנען ערנסט, און חזר'ן ערנסט, ש"ס און ארבע חלקי שולחן ערוך, מ'זאל הארעווען אויף די תורה, צוזאמען מיט עבודת התפלה, און

צוזאמען מיט קיום התורה, און אלע מדות טובות, יראת ה' און ענוה, אויף דעם וועג וואס אונזערע רבי'ס האבן אונז געלערנט.

**דער** עולם רעדט זיך אפ, אז איך מאך זיי אוועק, איך זאג אז מ'טוט גארנישט, מ'האלט נאך ביי גארנישט, זיי זענען אויס מענטש פון דעם, ממש אין לשער. איך טו גרויס תשובה אויף דעם, דער עולם איז זייער חשוב ב"ה, מ'טוט יא, אודאי, עפעס טוט זיך, אבער קעגן דעם וואס מ'וואלט געברויכט, איז עס נאך כמעט גארנישט, אונז ברויך מיר זיך נאך זייער אנדערש צו פירן. אין הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו, אבער אז מ'וועט זיך נאכקוקן שטאַטלעך, וועט מען זעהן אז ס'איז נאך זייער בחיצוניות אלעס, מ'לערנט טאקע די תורה, און מ'איז מקיים די תורה, אבער נישט אזוי אז ס'זאל זיין מיט א חיות, מיט א כוונת הלב, מיט דעת, מיט אהבה, מיט ריינע מדות, צו דעם האבן מיר נאך א לאנגע וועג.

**אויף** דעם ברויך מען ביי שלש סעודות זיצן אינאיינעם, איך בעהט דער עולם זאל בלייבן ביי שלש סעודות, מ'זאל נישט אזוי ארויסלויפן פונעם שבת, מ'זאל וויסן קודם וואס דער ארבעט איז א גאנצע וואך. און ווען מ'גייט שוין ארויס מוצאי שבת, זאל מען זיך תיכף נעמען צו די ארבעט, שוין אנהייבן זיך גרייטן צום קומענדיגן שבת, ווי די גמרא זאגט (ביצה טז.) מחד בשבת לשבתא, נישט נאר קויפן פלייש דארף מען, נאר מ'זאל זיך שוין אנלאדענען מיט תורה ועבודה, און זיך היטן פון א חטא, און פון יעדע איבריגע זאך. אויף דעם שטייט, אם תשיב משבת רגלך, די גמרא זאגט אויף דעם (שבת קיג.) שלא יהא הלוכך בשבת כהלוכך בחול, וואלט לכאורה געדארפט שטיין, אם תשיב בשבת רגלך, שבת זאלסטו צוריקקערן דיין גיין, זיך צוריקהאלטן. טייטשן צדיקים, משבת קען טייטשן וועגן דעם שבת, א גאנצע וואך זאלסטו דיך צוריקקערן, צוריקהאלטן פון יעדע איבריגע זאך, וועגן דעם שבת, כדי דער מענטש זאל פילן א טעם אינעם שבת, מוז ער א גאנצע וואך זיך אפשיידן פון די תאוות הגוף, און זיך צובינדן צום לערנען און דאווענען, וועט ער זעהן וואס פאר א טעם ער וועט שפירן דערנאך אין שבת. ממילא ווען מ'לויפט מוצאי שבת, וואו לויפט מען, מ'לויפט אנהייבן די ארבעט, צו לערנען גוט, און זיך היטן גוט, און זיך צוגרייטן צום אנדערן שבת.

**זאל** דער אייבערשטער אונז העלפן, אונז היטן א גאנצע וואך, ער זאל זיין אונזער אפוטרופוס, ער זאל רחמנות האבן, האלטן די רעכטע האנט אויף אונז, אונז היטן פון שלעכטע וועגן, אזוי ווי יעקב אבינו האט מתפלל געווען. און יעדער דארף זיין אן אפוטרופוס אויף זיך אליין אויך, יעדער איז פאראנטווארטליך אויף זיך, און איינער אויפן אנדערן אויך, יעדער יוד דארף אכט געבן אויף אנדערע יודן, מיט וואס ער קען, אפילו ער איז נישט דער רב, מ'האט אים נישט געגעבן א געהאלט ער זאל דאס טאן,

ברויך ער זעהן וואו ער קען ארויפפירן יודן אויפן דרך ה׳. אזוי ווי ווען מ׳זעהט א מענטש איז הונגעריג, וועט מען אים נישט לאזן הונגערן, מ׳פארשטייט אליין, מ׳רופט אים אריין עסן, כאטש מ׳האט אים נישט געהייסן, מ׳האט אים נישט געגעבן א געהאלט דערויף. אזוי ברויך מען צו טון ברוחניות אויך, מ׳זאל זוכן איבערצוגעבן יודישקייט איינער פארן אנדערן, פארשטיין געבן פאר יענעם א זאך, יענער זאל וויסן וואס מ׳דארף טון און וואס מ׳טאר נישט. אויף די אייגענע קינדער, ווייסט א מענטש אז ער דארף אכט געבן, זיי היטן, זיי זאלן נישט גיין אויף שלעכטע וועגן, אזוי דארף מען היטן אנדערע יודן אויך, וואו מ׳קען. דאס איז דער כח פון א ציבור, מ׳זאל איינער דעם אנדערן שטארקן, יעדער זאל זיך כולל זיין מיטן ציבור, איבערגעבן איינער פארן אנדערן תורה ומצות, ומקבלין דין מן דין ואמרין קדיש.

און די טעג יעצט זענען זייער הויעך, די ימי בין המצרים, דער מלך איז אויפן וועג

קען מען גרינגער צוקומען, און די שבתים זענען געוואלדיג הויעך, ס׳וועט דאך זיין במהרה גרויסע ימים טובים. און אז מ׳לערנט די תורה, איז עס שוין א יום טוב, ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר, זאגט די גמרא, אורה זו תורה ושמחה זו יום טוב, דורך אורה זו תורה קומט שמחה זו יום טוב, אין די תורה ליגט די שמחה וששון, אז מ׳לערנט די תורה זענען די טעג שוין א יום טוב, אפילו ווען מ׳איז אין די גרעסטן חושך. און ווי דער רבי פון לובלין זי״ע טייטשט, משנכנס אב, ממעטין, טוט מען ממעט זיין דאס עצבות, בשמחה, דורך שמחה. פון וואו נעמט מען די שמחה, פון די תורה, דורך די תורה קען מען אין די טעג אויך זיין נאנט צום אייבערשטן, א יוד איז אלץ נאנט צום אייבערשטן, און דער אייבערשטער איז אלץ נאנט צו יודן, הטוב כי לא כלו רחמיך והמרחם כי לא תמו חסדיך, ס׳איז נישטא א צייט ווען נישט, יודן זענען בני מלכים אלץ, יודן זענען צאן קדשים, ואנחנו עמך וצאן מרעיתך, בני בכורי ישראל, דער אייבערשטער איז מחבב יודן מיט כל מיני לשונות של חיבה, שטענדיג, אין אלע צייטן, און ווי מ׳זאגט, וטוב בעיניך לברכנו ולברך את כל עמך ישראל, בכל עת ובכל שעה בשלומך, ס׳איז נישטא א צייט ווען נישט.

און אין א צייט ווען דער חושך איז גרויס, איז די אהבה פון אייבערשטן אויך גרעסער,

און דער אור של משיח איז גרעסער, יעדע זאך גייט זה לעומת זה, דער אור של משיח איז מתגבר ודופק היינט נאך מער ווי אמאל, און אין די ימי בין המצרים לייכט עס נאך מער. אזוי ווי נאכן עלות השחר, איז נאך נישט דא דער אור פון די זון, ס׳איז נאך נישט דער נץ החמה, ס׳איז אבער דא דער אור חוזר פון די זון, וואס לייכט שוין אריין, אפילו ס׳איז נאך נישט דער נץ, ס׳איז א נפקא מינה לגבי קריאת שמע ותפלה,

אזוי לייכט שוין יעצט דער אור חוזר פונעם אור של משיח, כאטש ס'איז נאך נישט דא דער אור אליין.

**זאל** מען זוכה זיין במהרה, ס'זאל זיין אור חדש על ציון תאיר ונזכה כולנו במהרה לאורו, לא איברי עלמא אלא לימות המשיח ותחיית המתים (עי' סנהדרין לח:), דעמאלטס וועלן מיר אלע אנקומען צו געוואלדיגע גרויסע זאכן, ווי די משנה זאגט אין אבות (ג טז) והכל מתוקן לסעודה, דאס גייט ארויף אויף לעתיד לבוא, קודם זאגט ער, ס'איז דא א גרויסער דין וחשבון, החנוני מקיף והפנקס פתוח והיד כותבת, אבער הכל מתוקן לסעודה, דער סוף וועט זיין אז יעדער וועט אנקומען צו גוטס, נישט נאר דער קבר איז דער סוף, דער סוף וועט זיין מ'וועט שטיין פארן אייבערשטן, מ'וועט האבן עולם הזה און עולם הבא און תחיית המתים, און מ'וועט נהנה זיין מזיו השכינה, ס'וועט זיין והיו עיניך רואות את מוריך, ובא לציון גואל במהרה בימינו אמן. (תשמ"ה)

---

## תורה ב

### - א -

**וידבר משה אל ראשי המטות לבני ישראל לאמר זה הדבר אשר צוה ה'.**

זאגט רש"י הק', חלק כבוד לנשיאים ללמדם תחלה ואחר כך לכל בני ישראל, ער האט קודם געלערנט פאר די ראשי המטות און נאכדעם פאר אלע יודן. און ס'איז געווען צוויי דרגות אינעם לערנען אויך, פאר די ראשי המטות האט ער דאך נישט געלערנט אויף די זעלבע דרגה ווי פאר אלע יודן. איז אבער שווער, פארוואס זאגט דאס דער פסוק פונקט ביי די מצוה, ביי אלע מצות איז דאך אזוי געווען, ווי רש"י הק' אליין שטעלט זיך.

**אויך** איז שווער דאס לשון, אל ראשי המטות, פארוואס שטייט נישט אל נשיאי ישראל, ווי דער פסוק רופט זיי אן אין אסאך פסוקים, מאת נשיאי ישראל, ויקריבו נשיאי ישראל.

**ווייטער** זאגט דער פסוק **איש כי ידור נדר לה' או השבע שבועה לאסור איסר על נפשו.** שטעלן זיך אלע אויף די כפל הלשונות, ידור נדר, השבע שבועה, און לאסור איסר. און וואס איז דאס לשון על נפשו, ס'וואלט געקענט שטיין, לאסור איסר עליו.

**דער** מדרש זאגט דא (ילקוט רמז תשפד), זהו שאמר הכתוב (קהלת ה ד) טוב אשר לא תדור משתדור ולא תשלם. דארף מען פארשטיין, וואס קומט דער פסוק אהער, טוב

אשר לא תדור איז דאך טייטש, א מענטש זאל נישט מאכן א נדר סתם אזוי, און דא שטייט איש כי ידור נדר, זעהט אויס אז ס'איז לכתחלה, כי ידור נדר, אז מ'וויל קען מען אזוי טון.

**זאגן** די ספרים הק' פשט אזוי, סתם א נדר איז טאקע נישט גוט אז מ'מאכט, אבער זיך אפצוהיטן פון אן עבירה, אדער זיך מזרז זיין צו א מצוה, זאגט דאך די משנה (נדרים כ:), אז נדרי זרוזין איז א גוטע זאך, אז דער יצר הרע פארלייגט זיך, ער לאזט נישט אויספירן א זאך, און דער מענטש זעהט אז ער קען נישט אנדערש דורכקומען, איז אן אנדערע זאך, מעג מען יא, נשבע לקיים את המצוה איז עפעס אנדערש (שם ח.), אויף דעם זאגט דוד המלך, נשבעתי ואקימה לשמור משפטי צדקך, און ווי מ'זעהט ביי בועז שטייט (רות ג יג), ער האט געשוואוירן, חי ה', ער זאל נישט צוקומען צו אן עבירה האט ער געמאכט א שבועה.

**זאגט** דער פסוק דא, איש כי ידור נדר לה', א מענטש זאל מאכן א נדר נאר ווען ס'איז נוגע לה', אויב ס'פעלט אויס פארן אייבערשטן, לאסר איסר על נפשו, נישט פארן גוף, נאר ווען ס'איז נוגע פארן נפש, פאר די צורך הנשמה. פארדעם זאגט ער א דאפלט לשון, לאסר איסר, ער וויל אסר'ן א זאך וואס איז שוין אסור, די תורה האט עס שוין גע'אסר'ט, או השבע שבועה, ער שווערט אויף א זאך וואס ער איז שוין מושבע ועומד דערויף מהר סיני, די זעלבע ידור נדר, ער איז שוין נדור דערויף פון הר סיני, ער האט נאר מורא אז ער וועט עס נישט קענען מקיים זיין, דער בעל דבר וויל אים אריינכאפן, מאכט ער א גדר צו דעם דורך א נדר אדער א שבועה.

**און** אפילו ס'איז א דבר היתר, אויב ער זעהט אז דער יצר ציעט אים צו א זאך וואס איז איבריג, איז ער אויף דעם אויך מושבע ועומד מהר סיני, ס'איז דאך א מצות עשה, קדש עצמך במותר לך, מעג ער אויף דעם אויך נודר זיין, און מאכן א שבועה, ווי רש"י הק' זאגט לאסור איסר, לאסור את המותר.

**ממילא** זאגט דער מדרש זייער גוט, זהו שאמר הכתוב טוב אשר לא תדור משתדור ולא תשלם, וויבאלד דא שטייט אין פסוק, אז מ'זאל מאכן א נדר נאר לה', נאר אויב ס'פעלט אויס פאר די מצות ה', לאסור איסר נאר על נפשו, ברענגט ער זייער גוט צו צו דעם, דעם פסוק טוב אשר לא תדור, וואס דארט שטייט ארויס, מ'זאל נישט מאכן קיין נדר סתם אזוי.

**און** אז דער מענטש טוט אזוי, ער מאכט גדרים וסייגים, כדי דער יצר זאל נישט קענען צוקומען צו אים, ער הארעוועט כסדר זיך צו שטארקן איבערן יצר, איז ער מיט דעם מתקן די ניין און פערציג מדרגות, ס'זענען דאך דא מ"ט מדות, דאס זענען די

זיבן מדות שבלב וואס יעדע איינע איז כלול פון זיבן, אלע תאות און מדות פון הארץ זענען כלול אין די מ"ט מדות. ביי ספירה ציילט דאך יעדער די מ"ט ימים, מ'ציילט נישט סתם אזוי, נאר יעדן טאג האט מען אינזין מתקן צו זיין נאך א מדה, מ'ברויך עס ארויסזאגן פון טיפן הארץ, מ'זאגט רבונו של עולם נאך די ספירה, מ'איז מתפלל פארדעם און נאכדעם, אז מ'זאל זוכה זיין מתקן צו זיין די מ"ט מדות. פון דעם קומט מען אן נאכדעם צום יום החמשים, שבועות איז דער יום החמשים, דעמאלטס איז מען זוכה צום אור פון נון שערי בינה, פארדעם איז מען דעמאלטס מקבל די תורה, ווייל דער שער החמשים איז דער אור הכתר, וואס דאס איז דער כתר תורה, די תר"כ מצות התורה.

**אזוי** אויך דער וואס מאכט גדרים וסייגים, ער איז נודר ווען מ'דארף, איז ער מתקן די מ"ט מדות, און ער קומט אן דורכדעם צו די מדרגה פון שער החמשים. דאס איז מרומז אינעםווארט נדר, ס'איז נוטריקון נון דר, ער וואוינט, דאס הייסט ער כאפט זיך אן, ער באהעפט זיך צום שער הנון פון די חמשים שערי בינה. אזוי זאגן אלע, אין די ראשונים שטייט עס נאך, אז פון דארט קומט די בחינה פון נדר, פונעם שער החמשים, דער מענטש וואס מאכט א נדר ווען מ'דארף, איז זוכה צו די מדרגה.

**דאס** איז מרומז אינעם פסוק, וידבר משה אל ראשי המטות לבני ישראל, המ"טות איז מרמז אויף די מ"ט מדות, אל ראשי המטות לבני ישראל, צו די בני ישראל וואס ארבעטן אויף די מ"ט מדות, פאר זיי זאגט די תורה די עצה, איש כי ידור נדר לה', אז א מענטש וויל זוכה זיין צו די בחינה פון נדר, נון דר, זאל ער מאכן גדרים וסייגים, לאסור איסר על נפשו, זיך מורז זיין, זיך אפצוהיטן פונעם יצר הרע, מיט דעם איז ער מתקן די ניין און פערציג מדרגות, וועט ער אנקומען דורכדעם צום שער החמשים.

- ב -

**אויך** טייטשן די ספרים הק', כי ידור נדר לה', נדר איז א לשון דירה, אויב א מענטש וויל מאכן א דירה פארן אייבערשטן, דער אייבערשטער זאל קענען וואוינען ביי אים. דער אייבערשטער כביכול וויל דאך וואוינען ביי יעדן יוד, דער מענטש דארף נאר מאכן די פלאץ דערצו, ווי דער מדרש זאגט (שמו"ר לג א), אויפן פסוק ויקחו לי תרומה, א משל צו א מלך וואס מאכט חתונה זיין בת יחידה, זאגט ער פארן חתן, לפרוש הימנה איני יכול, לומר לך אל תיטלה איני יכול, לפי שהיא אשתך, נאר טו מיר די טובה, מאך מיר א קליין צימער'ל, קיטון אחד עשה לי שאדור אצלכם, שאיני יכול להניח את בתי, אזוי כביכול זאגט דער אייבערשטער, מכרתי לכם תורתי, די תורה איז כביכול

בתו של הקב"ה, לפרוש הימנה איני יכול, מאכטס מיר א שטובעלע, איך זאל קענען וואוינען ביי ענק, זהו שנאמר ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם.

**זאגט** דער פסוק דא, איש כי ידור נדר לה', אז א מענטש וויל מאכן א דירה פארן אייבערשטן, דער אייבערשטער זאל קענען וואוינען ביי אים, זאל ער מאכן גדרים וסייגים, לאסור איסר על נפשו, מטהר זיין די מ"ט מדות פון הארץ, מיט דעם מאכט ער א פלאץ, א מקום משכן להשראת השכינה, ווי די גמרא זאגט (סוטה ה.) אויף א בעל גאוה, אין אני והוא יכולין לדור בעולם, דארט וואו ס'זענען דא שלעכטע מדות קען דער אייבערשטער נישט וואוינען, אויב מ'איז אבער מטהר דאס הארץ פון די אלע זאכן, מאכט מען א מקום דירה פאר די שכינה.

- ג -

**דערווייל** דארפן מיר נאך א גרויסע ישועה אין דעם, מ'זעמער נאך אלע אנגעלאדענט מיט אסאך מדות רעות, יעדער מענטש איז נאך פול מיט קנאה שנאה, נקמה נטירה, דא איז ער ברוגז, דא איז ער אין כעס, ער האט חשבונות מיט דעם און מיט יענעם, דער האט מיר נישט געטון, דער האט מיר נישט געגעבן, ס'פאסט אים נישט דאס, ס'פאסט אים נישט יענץ. מיט די אלע זאכן פארטרייבט מען דעם אייבערשטן פון זיך, דער אייבערשטער וויל רוען ביי אונז, און ס'איז נישטא וואו. איז נישט קיין וואונדער אז דער מענטש שפירט נישט קיין טעם אין קיין שבת, אין קיין לערנען, אין קיין דאווענען, ער לאזט דאך נישט אריין דעם אייבערשטן אין זיך.

**איך** וויל מ'זאל פארשטיין ריכטיג די זאך, דער חסרון איז נישט אז דער מענטש האט די אלע זאכן, ער ווערט דאך געבוירן מיט דעם, ער זאל אבער וויסן פון דעם, און ער זאל פארשטיין אויף וואס ער דארף ארבעטן, ער זאל פארשטיין פון וואס מ'ברויך זיך דערווייטערן, נישט ער זאל האלטן אז ער איז שוין פארטיג, ער ברויך שוין גארנישט צו פאררעכטן. אז דער מענטש קוקט זיך אן, ער זעהט וואו ער האלט, און ס'טוט אים וויי, ער וויל זייער ריינינגן זיין הארץ, ער ווייסט דאס זוך איך, אויף דעם אופן וויל איך גיין, וועט ער אנקומען.

**אזוי** ווי דער בארדיטשוב'ער זי"ע טייטשט, ויעבור ה' על פניו, אויב א מענטש שפירט אז דער אייבערשטער גייט אריבער איבער אים, ער שפירט א השראת השכינה, פון וואו קומט דאס, ויקרא ה' ה', דער חלק ה' וואס ליגט אין אים, דער חלק אלו'ה ממעל רופט דעם אייבערשטן, פון דעם קומט דאס, אז ויעבור ה' על פניו. די זעלבע קען מען זאגן אויך אויף פארקערט, ווען א מענטש זעהט, אז די שלעכטע מדות רודערן אין אים, דא איז ער ברוגז, דא איז ער באליידיגט, פון וואנדט קומט דאס,

פונעם חלק הרע וואס ליגט אינעם מענטש, אזוי ווי יעדער מענטש האט א חלק אלו'ה ממעל, האט ער לעומת זה א חלק הרע, דאס שרייט ארויס די אלע זאכן, זאל ער פון דעם פארשטיין ווי ווייט ער איז, און וואס ער דארף פאררעכטן. בשלשה דברים האדם ניכר, בכיסו בכוסו ובכעסו, זיך אליין קען דער מענטש דערקענען פון דעם, אז ער זעהט ווי אזוי ער פירט זיך אויף ביי די זאכן, קען ער פארשטיין וואס ער האט נאך אלץ צו פאררעכטן אין די מ"ט מדות.

**אויף** דעם ליינען מיר די פרשה, השי"ת זאגט פאר משה רבינו, ער זאל רעדן צו די ראשי המטות, ראשי המטות איז אויך טייטש, די גרויסע מענטשן וואס האבן א כח מטהר צו זיין די מ"ט מדות, לבני ישראל, ביי יודישע קינדער. און מטה איז אויך טייטש בייגן, די וואס האבן א כח צו צובייגן יודישע הערצער צום אייבערשטן, דאס מיינט מען ראשי המטות, דער הייסט א ראש, נישט סתם ווער עס רופט זיך א ראש, ער האט זיך געמאכט פאר א ראש. וואס זאל ער זאגן פאר זיי, זיי זאלן מזרז זיין יודן, איש כי ידור נדר לה', זיי זאלן מטהר זיין דאס הארץ, וועט דער אייבערשטער קענען וואוינען ביי זיי.

**און** דאס איז די מצוה פון דביקות ה', וואס די תורה זאגט אזויפיל מאל, ובו תדבק, ולדבקה בו, דער מענטש זאל מאכן פלאץ דער אייבערשטער זאל קענען רוען אין אים, דאס הייסט דביקות, אויב דאס הארץ איז נישט ריין, טוט ער פארקערט, ער פארטרייבט כביכול דעם אייבערשטן פון זיך. א מענטש זאגט אסאך מאל, דער אייבערשטער וועט מיך אודאי נישט פארלאזן, זייער גוט, דו זאלסט אבער נישט פארלאזן דעם אייבערשטן, זאלסט אים נישט פארטרייבן פון זיך, זאלסט אים לאזן רוען אין דיר. און ווי אונז זאג מיר אינעם פיוט פון חרדים, אדון הכל הדורש לעם דורשיך לא תתפרש מנן, דו זאלסט זיך נישט אפשיידן פון אונז, צו דעם דארף אבער זיין ואל נפרוש ממך, מיר זאלן זיך נישט אפשיידן פון דיר, אויף דעם בעהט מען די אלע בקשות, זכנו לקדש רמ"ח אברינו, לב ורוח נכון חדש בקרבנו, אויף דעם איז מען מעורר רחמים אין דעם פיוט, מיר זאלן זיך נישט אפשיידן פון אים, וועט ער זיך נישט אפשיידן פון אונז.

- ד -

**און** די תורה לערנט עס דא, ווען מ'ענדיגט דעם פערטן חומש, מטות מסעי גייט כמעט אלעמאל אינאיינעם, אפילו אין א עיבור יאר אויך כמעט אלעמאל, ממילא איז די פרשה דער סיום פון די מצות התורה, די פרשה פון מסעי ענדיגט זיך מיטן פסוק, אלה המצות והמשפטים אשר צוה ה' ביד משה אל בני ישראל, ווייל דא איז דער סיום פון

די מצות התורה. ספר דברים איז נאר איבערגע'חזרט, געוויסע מצות האט מען אין דברים מוסיף געווען, און געוויסע מצות האט מען נישט איבערגעחזר'ט, אבער בדרך כלל איז דא דער סיום פון די מצות התורה.

**ממילא** איידער מ'איז מסיים די מצות, קומט דער פסוק געבן אן עצה, ווי אזוי א מענטש קען בייקומען דעם יצר הרע, די תורה גיט דאך עצות, די תורה זאגט לי עצה ותושיה, די תורה אליין גיט עצות ווי אזוי מ'קען מקיים זיין די תורה ומצות, דורך איש כי ידור נדר, דורך מאכן גדרים וסייגים, דורכדעם קען מען מתקן צו זיין אלע מדות, און אנקומען צום שער הנון, וואס דאס איז די תורה, די כת"ר תורה.

**און** יעצט גייען מיר אריין אין ספר דברים, מ'ליינט ווי אזוי משה רבינו חזר'ט איבער די תורה, אז מ'ליינט די הייליגע ווערטער, ווי אזוי משה רבינו האט עס געזאגט, ס'איז געווען שכינה מדברת מתוך גרונו של משה, איז עס מעורר דאס הארץ, יעדעס ווארט פון ספר דברים איז פול מיט אורות, כחות, און מוחות גדולות, ס'איז פול מיט מוסר יעדעס ווארט. פארדעם ליינט מען עס הושענא רבה ביינאכט, ווייל ס'איז מעורר דאס הארץ, מ'זאל זיך אומקערן צום אייבערשטן. אין פרשת ראה זאגט דער פסוק, בנים אתם לה' אלקיכם, דער אייבערשטער בעהט פון יעדן יוד, ער זאל ווימן אז ער איז א קינד פון אייבערשטן, נו וואס איז אז ער איז א קינד, אז ער איז א קינד, האט ער אין זיך דעם כח פונעם טאטן, יפה כח הבן מכח האב, דער כח הבן קומט פונעם כח האב וואס ליגט אין אים, דאס איז דער חלק אלו'ה ממעל וואס ליגט אין יעדן יוד, דורכדעם האבן מיר א כח זיך צו שטארקן, דער כח הנשמה וואס ליגט אין א יוד פירט אים צו צום אייבערשטן, דאס טייטש שמע בני מוסר אביך, ער איז דאך דיין טאטע, דאס איז די מוסר, ואל תטוש תורת אמך.

**ממילא** אז מ'הייבט אן ליינען ספר דברים, איז עס א זמן תשובה, און אויסער דעם איז דאך יעצט זמני תשובה ממשמשין ובאין, די וואכן לויפן שוין ביז די הייליגע טעג. און יעצט אליין זענען אויך הייליגע טעג, ימי רחמים ורצון, די דריי וואכן און די ניין טעג זענען זייער גרויס, די טעג זענען גרויס, און די שבתים זענען גרויס, וויבאלד לעתיד וועט עס זיין גרויסע ימים טובים, האט עס שוין יעצט דעם כח, ביים אייבערשטן איז היה הוה ויהיה איין זאך, ממילא איז שוין דא דער אור וואס וועט זיין דעמאלטס, אפילו ס'איז נאכנישט דער יום טוב, לייכט עס שוין. פארדעם מאכט מען די ברכה מצמיח קרן ישועה, א לשון הווה, ווייל ביים אייבערשטן איז אזוי ווי ס'איז שוין. און אזוי ווי ערב שבת לייכט שוין דער אור פון שבת, וויבאלד ס'איז שוין זייער נאנט, און ווייל מ'גרייט זיך דעמאלטס צום שבת, אזוי לייכט שוין יעצט דער אור פון

די ישועה וואס וועט זיין במהרה, ווייל ס'איז שוין זייער נאנט, און מ'גרייט זיך שוין, איז שוין דא דער עת רצון פון דעמאלטס.

און אין די טעג איז די שכינה מער אין גלות, דער מלך איז אויפן וועג, דארף מען זיך מער בענקן צו די שכינה, און זיך משתתף זיין מער בצער השכינה, מ'דארף זאגן תיקון חצות מער, סתם אזוי, זאגט מען תיקון חצות ביינאכט, אבער אין די טעג שטייט אין שו"ע (תקנ"א מ"א מ"ס), זאל מען בייטאג אויך זאגן, נאך צוועלעף, איינס, זאל מען זאגן תיקון חצות, מ'זאל זיך דערמאנען אז די שכינה איז אויפן וועג, זי איז פארוואגלט, זי זוכט וואו צו וואוינען, און אונז דארף מיר מאכן א דירה פאר איר, אונז דארף מיר מטהר זיין דאס הארץ, זי זאל האבן וואו צו וואוינען, כי ידור נדר להוי"ה, מ'זאל מאכן א דירה פארן שם הוי"ה, מ'זאל נישט מסיח דעת זיין, שויתי הוי"ה לנגדי תמיד.

זאל דער אייבערשטער העלפן, מ'זאל זוכה זיין צו דעם, מ'זאל זיך נישט אפרייסן קיינמאל פון אייבערשטן, ס'זאל מקוים ווערן דער פסוק וואס מיר זאגן יעדן טאג, יהי ה' אלקינו עמנו כאשר היה עם אבותינו, אזוי ווי אין מצרים, האט אונז דער אייבערשטער ארויסגענומען פון די מ"ט שערי טומאה, דאס זענען די מ"ט מדות רעות, זאל ער אונז היינט אויך ארויסנעמען פון דעם, ס'זאל זיין אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים, נאך זייענדיג אין גלות זאל ער אונז ארויסציען פון די מ"ט מדות רעות. און ווי מ'זאגט נאכדעם ביי ברכת קריאת שמע, עזרת אבותינו אתה הוא מעולם, מגן ומושיע להם ולבניהם אחריהם בכל דור ודור, אין יעדן דור, אין גלות אליין אויך. און ביי די גאולה שלימה וועלן אלע זוכה זיין דערצו, און דעמאלטס וועלן אלע צוקומען צו די מדרגה פון שער החמשים, יעדער וועט משיג זיין דער אור פון ספירת הכתר, מ'וועט משיג זיין די תר"כ מצות התורה מיט א גרויסע השגה, צוזאמען מיט די אנדערע כתרים וואס שטייען אין די משנה, כתר כהונה כתר מלכות וכתר שם טוב עולה על גביהן, ובא לציון גואל במהרה בימינו אמן. (תשנ"ז)